בעזהי"ת

עמ"י • זה השער לה' צדיקים יבואו בו • עש"ו

ספר

# תפארת מתתיהו

## במקצוע

## מזוזת ישראל כהלכתה

תוכן הקונטרס גילוי ידיעות מבהילות במזוזות המפוזרים בכל קצות הארץ וגם בארצה"ב, ולהזהר ולהשמר בעת הקנייה. כי באי זהירות כל דהו עלול ליפול בפח יוקשים וליאבד מעוה"ז ועוה"ב, ומעשים רבים שכבר אירעו בזה, ואיזהו חכם הרואה את הנולד.


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
„**מבון להוראה בשחיטות ובדיקות**"

בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה,** (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס.**

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.



– ברוקלין, יצ"ו • שנת תשל"ט –

– ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל –

הוצאת
אמונה פאבלישינג

# די וויכטיקייט פון כשר׳ע מזוזות
## אַ רוף צו רבנים

### אינהאלט


אַ רוף צו תשובה ........................ א.
סדר התשובה ........................ ב.
סדר התענית ........................ ג.
דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פאַרברענט רח״ל ...... ד.
פסולע ספרי תורות ........................ ה.
און אויפרוף צום ציבור ........................ ו.
פערציג טויזענט אידען האָבען געלייגט פסולע תפילין ...... ז.
נישט ערליכע סופרים ........................ ח.
מענטשען גייען אין פאַפירענע תפילין .............. ט.
תפילין סעט – און מזוזה סעט ........................ י.
תקנה קעגן וואַקסענדע מכשולות יא.
אויפרוף צו ראשי ישיבות און מנהלים ..............
די תפלין האָבען אים געהאָלפען מיט קינדער .......... יב.
די מורא׳דיגע טראַגעדיע – דורך נישט באַקוקען די מזוזה! . יג.
מדה כנגד מדה ........................ יד.


* * *


*Fotocomposition by*

**דפוס הדר**

EXCELLENT VARITYPER & PRINTER
195 Lee Ave., Brooklyn, N.Y. 11211
Tel.: (212) 384-4249

**דפוס אופסט „מוריה״**

**MORIAH OFFSET CO.**
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

# הקדמה

ראה ראיתי בהפרצה הנוראה במקצוע מזוזות השוררת בעו״ה בכל קצות תבל בגלל שמלאכת קודש הלזו, כמו שאר עבודת הקדש, נתהפכה למסחר גדול, ונערים המנוערים מן המצות וריקים מכל זיק תורה ויר״ש עוסקים בעבודת הקודש הלזה שאינה הולמתם, וכיון שסתם ההמון, ואפילו הלומדים, אינם בקיאים בדיני צורות האותיות ניקל ביותר להערים ולהונות הקונים, התמימים.

ודין גרמא כי לא די שמבטלים כל הימים עלי אדמות מצות מזוזה ותפלין, אולם גם תוצאות העונשים להמבטל מצות יקרות הללו אין נמנעין מן השמים, כמבואר בהפוסקים ובמציאות היום־יומית.

וע״כ אזרתי כגבור מתניי החלשות, לצאת לקראת נשק בקסת הסופר בקריאת קול־קורא, וגם בהדפסת ספרים.

לגלות לאשר לא ידעו ולהזכיר את אשר ידעו כי המצב ירוד מאד מאד בכל הנ״ל, והבאתי מעשים רבים שאירעו בחמישים שנים האחרונות וגם בימינו אלה מאורעות שונות ומשונות צרות רבות ורעות על אשר עזבו מצוה יקרה הלזו, ואפילו במקום אונס גמור לא הועיל להנצל מהפגעים מכל עבר ופינה.

וגם בקונטרס הלזה כוונתי להושיט בקנה כל הידיעות הנ״ל, בבטחון שיתעוררו אחינו בני ישראל לדקדק אחר מצוה זו כדבעי, ובהעצות לזה ג״כ נכללים בתוך הקונטרס.

ובזכות זה ישמור אותנו השומר, מקל וחומר, ונזכה לראות במהרה בנחמה בכפלים, בבנין ציון וירושלים במהרה.

**הק׳ שלום יודא גראס**

אבדק״ק האלמין

בס״ד

**...טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו...**

(ישעי׳ נ״ה ז׳)

הספר הנוכחי תפארת מתתיהו יצא לאור בסיוע ובעזר העסקן הנפלא ראש וראשון לכל דבר שבקדושה רודף צדקה וחסד וכו׳

הרב מוהר״ר

**ד״ר יהושע שטערנבערג שליט״א**

מוקדש לע״נ הוריו

הר״ר מתתיהו סיני בן מוהר״ר ר׳ שלמה צבי ז״ל,

נפטר בשם טוב ביום ה׳ טבת תשל״ט

ולע״נ אמו האשה היקרה העדינה

מרת בלימה בת ר׳ מתתיהו ז״ל

נפ׳ ח״י שבט תשל״ז

תנצב״ה

יהי רצון שזכות הרבים היוצא ע״י הקריאה בקונטרס הלזו יעזור ויגן ויושיע לכל העוסקים והמסייעים בהוצאת הקונטרס, שיזכו מתוך נחת והרחבת הדעת לראות בנים ובני בנים ברוכי, מזוני רויחי, וחיי אריכי, כל ימיהם לעולם אמן.

# ספר תפארת מתתיהו

— א —

## א רוף צו תשובה

די לעצטע פאַר יאָר האָט פאַסירט פילע אומגליקען פיזישע און גייסטישע, צענדליגע ספרי תורות זענען ל״ע פאַרברענט און גערויבט געוואָרען, ווי אויך הינדערטער פאָרען תפילינ׳ס, מיט אַנדערע ספרי קודש אין ווערט פין שווערע טויזנטער דאָלאַרען, צוזאַמען מיט אַ רייע בתי מדרשים, ישיבות, און תלמוד תורות, ווי דער קול תורה ותפלה האָט אָפגעקלינגען פין פאַרטאָגס ביז די שפעטער נאַכן שעה׳ן, זענען טאָטאַל פאַרניכטעט געוואָרען ל״ע.

אידען מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אַז קיין שום פאַסירונג אָדער אומגליק ח״ו איז נישט קיין צופאַל בפרט ביי אומגליקען ביי תשמישי קדושה נאָך דערצו אין אַזאַ גרויסען פאַרנעם אַזוי אָפט.

דער הייליגער רמב״ם שרייבט אין אָנהייב הלכות תענית אַז די ווערטער ,,אם תלכו עמי קרי״ וואָס שטייט ביי די תוכחה באַדייט, דאָס אויב מען וועט אָנהענגען די אומגליקען וואָס ווערען צו געשיקט פין הימעל אַז עס איז בלויז אַ צופאַל, דעמאָלס פידט אויס דער פסוק ווייטער וועט השי״ת מערען צו שטראָפען ח״ו.

קומט אויס לויטן רמב״ם (וואָס איז ווי באַקאַנט פון אונזערע גרעסטע הלכה אוטאָריטעטען), אַז דער שטראָף פאַר נישט באַרעכענען זיך באַצאַטענס ווען עס פאַסירט ח״ו ל״ע אַ פלוצלינגדיגען אומגליק, און טוהן הלכה למעשה צו פאַרעכטען דעם פעלער וואָס האָט צו געברענגט דעם טראַגעדיע, לויט די אָנווייזונגען פין די ספרים הקדושים וואָס זענען געווידמעט אַרויסצוגעבען דעם אורטייל אויף יעדען סאָרט אומגליק ח״ו וואָס מען דאַרף זיך פאַרנעמען ביי זיך און ביי די גאַנצע בני בית אויף להבא.

צ.ב.ש. א) אויב ח״ו עס פאַסירט אומגליקען ביי קליינע קינדער וואָס זענען רייד פון זינד, דאַרף מען ערשטענס באַקוקען די מזוזות, שבת לג:. ב) דערנאָך דאַרף מען שטאַרק נאָך קאָנטראָלירען אויב די אייגענע ציצית און אויך פין די קינדער זענען געמאַכט הונדערט פראָצענט עפ״י הלכה (טו״י, שזיוה לשמה, מצמר), (שבת לב: ועיין בספרי גדולי יהודה על ה׳ ציצית באריכות). ג) דאַרף מען נאָך קאָנטראָלירען די עסענס וואָס מען פיטערט דערמיט די קליינע קינדער ווי ,,סימילאק״ (Similac) און אַנדערע פורמולאס, (אַחוץ ביי ,,פיקוח נפש״) ווייל ווי באַוואוסט זענען זיי געמאַכט פון ,,חלב עכו״ם״ און ענטהאַלטען אויך אַ מישונג פון ,,חֵלֶב״ (אויסער סויאלאק און isomal וואָס איז געמאַכט

פון געוויקסען וואָס זענען ריין פון „חלב עכו"ם". וועגן אַנדערע חששות זענען מיר נישט אינפאָרמירט). ועיין בספרי מנחת יהודה באריכות.

ד) דאָס גלייכען דאַרף מען גוט דורכשטודירען אַלע שפייז פּראָדוקטען וואָס קומען אַריין אין שטוב סיי פאַר קינדער סיי פאַר ערוואַקסענע אויב עס איז טאַקע ריין הונדערט פּראָצענט פון אַלע חששות אין כשרות, איינגעשלאָסען גלייכצייטיג די ערנסטע חשש פון ווערים וואָס איז זייער אַקטועל ביי אַסאַך פּראָדוקטען צ.ב.ש. מעל, לאָקשען, און פערפעל, רייז, איבערהויפּט זימער דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיג זיי נישט צוה אַלטען אויף אַ וואַרעם פלאַץ ווייל די וואַרעמקייט פאַבריצירט ווערים, אפילו דאָס שאַכטעל איז פאַרמאַכט.

ע"כ איז די עצה דערצו: זימער צו האַלטען אין רעפריזשערעיטער, און ווינטער צו האַלטען פאַרמאַכט אין גלאַזענע באַטליך, אפילו באַנדליך איז אויך וויכטיג צו האַלטען אין גלאַזענע כלים, די פאָלגענדע גרינצייג און פרוכט דאַרף מען בודק זיין פאַרען עסען: 1. ברוסל ספּאָרט, 2. גרינע ארבעסן, 3. לעטערס (סאלאט), 4. מאלינעס (רעסבעריס), 5. ניסען, 6. קשו־ניס (Cashew-Not) טאָר מען נישט עסען גאַנצער הייט נאָר מען זאָל דאָס צונעמען, און זאָל באַקוקען צו עס איז אינגאַנצען זויבער, און אויב ער וועט טרעפען שוואַרצע פינטלעך דאַרף ער דאָס אַראָפּ נעמען ווייל דאָס איז ווערים (ח"א) 7. ספינאט, 8. קאליפלאר, 9. קרויט, 10. שוועמלעך (מאשרום). (ועיין בספרי נפש ישעי' עמוד רפ"ט באריכות, ובספרי דיני דגים ותולעים שיצא לאור בקרוב).

ה) מען טאָר אויך נישט פאַרגעסען דעם וויכטיגען פּרט פון צניעות וואָס האָט זייער אַסאַך צו זאָגען אויף אַלע סאָרטען אומגליקען (חפץ חיים באגרת הידוע, ר"ה מקאלאמייע בכל ספריו, ועיין בספרי מדריך לצניעות באורך נפלא).

## — ב —

## סדר התשובה

כדי דער ברייטער המון זאָל האָבען אַ שטיקעלע באַגריף וואָס דאָס באַדייטען די אַלע תעניתים וואָס ווערען געברענגט אין די פוסקים, ווי אויך אין די מוסר ספרים, און די ערשטע רייען פון די סידורי התשובה, וואָס פון דעם קען מען זיך אויפדרינגען אַז דער קלימאַקס פון תשובה איז צו פאַסטען, בפרט ווערט דאָס אויסגערעכענט ערשט אין אַלע תשובה ספרים ווען עס מאַכט זיך ח"ו אַ בזיון פון אַ ספר תורה צ.ב.ש. אַ ס"ת וואָס איז אַראָפּגעפאַלען ח"ו, (עיין במג"א או"ח סי' מ"ד, ועיין עוד בשו"ת אבני צדק, אמרי א"ש או"ח סי' ו', באר משה ח"ד, באר שבע דף ל"ז, בית היוצר סי' י"ד, ברכ"י יו"ד סי' רפ"ב, דברי חיים יו"ד סי' נ"ט, הרי בשמים מהדו"ת קל"ט, זכור לאברהם ערך ס"ת,

חיים שאל סי׳ י״ב, מהר״י הכהן סי׳ ל״ז, משנה הלכות ח״ד סי׳ ק״ל, נפש חי׳ ועוד (ובספר מנחת ש״י הארכתי בזה באריכות), אָדער תפילין וואָס איז אַראָפּ־געפאַלען, און אפילו מזוזות לויט טייל פוסקים (ועיין במזוזות שלו׳,) אין דער גרעסערער חלק פון די תשובה געווידמעט ווי אַזוי אומציגיין ווענען פאַסטען, האָב איך געהאַלטען פאַר אַ רעכטע שריט צו ציטירען פון די דברי חז״ל (תענית יב, רמב״ם ה׳ תענית פ״א ה׳ י״ז) טואו״ח תקס״ט, תקע״ה) וואָס טועהן אונז ערקלערען וואָס זענען די מאָטיוען פון גוזר תענית זיין.

— ג —

## סדר התענית

אין דעם באַשטימטען פאַסט טאָג וואָס מען האָט גוזר געווען אויפן ציבור זענען זיך צוזאַם געקומען אין ביהכ״נ בי״ד און די זקנים צוזאַמען מיטן גאַנצען ציבור דאָס ערשטע האָבען בי״ד און די זקנים אונטערזוכט און געפאָרשט אַלע מכשולות וואָס עקזעסטירט אין די שטאָט, דאָס האָט געדארט אַ האַלבען טאָג, און זיי האָבען מתקן געווען תקנות אָפּצוטוען אַלע מכשולות פון עבירות.

דער בי״ד דאַרשענט און וואָרענט און פאָרשט נאָך די **אַלע וואָס רויבען געלטער, און טועהן זיי אָפּשיידען פון כלל ישראל, דערנאָך שטארעמען זיי אויף די געוואַלד׳ס מענטשען וואָס טעראָריזירען יעדען וואָס איז אין וידערשפּראַך מיט זייערע פּרינציפּען און ווילען נישט אויספאָלגען זייערע פאַרלאַנגען,** טוט זיי דאָס בית דין שטאַרק דערנידערען, דאָס זענען די פונקציעס פון ערשטען האַלבען טאָג. דעם צווייטען האַלבען טאָג ליינט מען אין די תורה מענינא דיומא און מען דאַווענט און מען זאָגט ווידוי און מען טוט תשובה.

פון די הייליגע ווערטער פון די חז״ל קענען מיר זיך פיהל לערנען, .1 ערשטענס אַז דאָס עצם פאַסטען איז בלויז אַ טפל פונעם סדר היום, .2 דער עיקר איז תשובה טוהען אינערליך מיט חרטה געפילען אויפן עבר, און אַ פעסטען באַשלוס אויף להבא, .3 דער צענטראַל פונקט פונ׳ם יום התענית איז די אויפגאַבע פון די פאָלק׳ס מנהיגים ורבנים גוט נאָכצופאָרשטען אַלע עבירות וואָס זענען אַקטועל און דער צייט פון די טראַגישע געשעהנישען, .4 נאָך טוהען מיט אנטנעמען פון די גאָלדענעם לשון פון רמב״ם, אַז דאָס רויבען און טעראָריזירען איינער דעם אַנדערען ווענען אייגענע פּאָליטישע אינטערעסען, בפרט ווען עס האַנדעלט זיך ווענען פון אנשים מכובדים מנהיגי העדה איז שקול קעגען אַלע אַנדערע עבירות.

יעצט טייערע אידען! לאָמיר ערנסט אַ טראַכט געבען צו זענען מיר טאַקע יוצא אַ יום התענית מיט פאַסטען בלויז, און דער צייט וואָס די גמרא מיטן

רמב"ם מיטן טור פאַסקענען אַלע אַז דאָס איז בלויז אַ טפל און דער עיקר איז דאָס אויבענדערמאָנטע, און קיינער איז נישט מחולק דערויף.

ע"כ איז לפחות יעדער יחיד פאַר זיך מחויב זיך מתבונן צו זיין פאַרוואָס האָט השי"ת צוגעשיקט די לעצטע צייטען אַזויפיהל טראַגעדיעס נאָכאַנאַנד, און מתקן זיין ביי זיך אין שטוב ווי ווייט מעגליך אַלע הינזיכטען וואָס נויטיגען זיך פאַרבעסערונגען. צ.ב.ש. לאָזען בודק זיין די מזוזות, און תפילין, (זע ווייטער בשם הגה"ק ר"י גרינוואַלד) און אויך ספרי תורות וואָס זענען ליידער זייער פעלער האפט, און די אַלע אויבענדערמאָנטע זאַכען, כדי צו פאַרגרינגערען פאַרען יחיד האָבען מיר צוזאַעם גענומען אויף איין פלאַץ די מכשולות פון כשרות און צניעות, מיט מזוזות, ציצית, חינוך, און אָפגעדריקט מיט די פאָלגענדע נעמען, א) נפש ישעי', ב) מנחת יהודה, ג) קדושת בנות ישראל, ד) מדריך לצניעות, ה) חינוך ישראל סבא, ו) מזוזת שלו' על ה' מזוזה, ז) גדולי יהודה על ה' ציצית, ח) מנוחת שלו', ט) הלכה למשה על מכשולות שונות, י) שו"ת זבחו זבחי צדק על יו"ד ח"א, ועוד.

צי דעם צוועק האָבען מיר גערעכנט פאַר פאַסיג צו ציטירען די אָנווייזונגען פון הגה"צ המ"פ ר"י גרינוואלד זצ"ל, ווי אַזוי זיך צו פיהרען אין די צייט פון שריפות ספרי תורה רח"ל.

— ד —

## דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פארברענט רח"ל

אין שו"ת זכרון יהודה פון הגה"ק מוהר"ר יהודה גרינוואלד אבדק"ק סטמאר זצ"ל (ח"א סימן מ"ד) שרייבט ער צו די שטאָט טאשנאד וואָס דאָרט זענען פאַברענט געוואָרען אין שנת תרע"א 2 ספרי תורות, עטליכע טלתים און תפלין, מיט סידורים און אַנדערע הייליגע חפצים, אַז די תיקונים אויטערען פאַסטען דאַרפען זיין דריי פאַכיג.

1. געוואָרענט זיין מער מכבד צו זיין די תורה נישט צו שמיסען בשעת'ן ליינען (ועי' ספר ואמרו אמן על הלכות עניית אמן באריכות שהדפסתי לפני 10 שנים).

2. יעדען עש"ק זאָל דער בעל קורא מגיה זיין די וואָכעדיגע סדרה אין דעם ספר תורה וואָס מען גייט ליינען דערין מאָרגען.

3. מען דאַרף לאָזען דופען אַ סופר סת"ם וואָס זאָל אַרום גיין אין אַלע אידישע שטיבער פון דער קהילה, און בודק זיין אַלע מזוזות און אויב מעגליך אויך אַלע תפילינס, די באַצאָלונגען פאַדען סופר זאָלען גענומען ווערען פון קהל'ס קאַסע וכו', עיי"ש באריכות.

## — ה —

## פסולע ספרי תורות

עס איז ליידער אַ גרויסער בזיון צו זאָגען, אַז אַ גרויסע פראָצענט פון די בתי מדרשים האָבען פסולע ס"ת און אפילו פון די כשרע איז אַ גרויס חלק בשעת הדחק און בדיעבד, אַזוי אז עס קען אויסקומען טייל מאָל אַז מיט'ן נישט עולה זיין מפטיר טוט מען אַ גרעסערע עילוי נשמה פאַר די אבות ווי מען איז יאָ עולה, ווייל אויב דער ס"ת טויג נישט ח"ו דעמאָלס האָט מען געמאַכט 2 ברכות לבטלה חוץ דעם וואָס מען האָט נישט יוצא געווען מצות שמיעת און קרה"ת, דאָס קען אויך זיין אַן אורזאַך פון די פיהלע טראַגעדיעס ביי ס"ת וואָס מען לייענט אין פסולע ס"ת רח"ל, אַזוי זעט אויס פון דעם ערשטען תיקון וואָס הגה"צ ר"י גרינוואַלד זצ"ל שרייבט ווי פריער דערמאָנט.

דעריבער מאַכען מיר אַ אויפרוף צו אַלע רבנים, שמשים, גבאים, מיט ראשי קהילה, וואָס אויף זיי ליגט גענצליך דער אחריות פון די אַלע ברכות וואָס ווערען געמאַכט אויף די תורה, מיט'ן חיוב פון מצות קרה"ת, דאָס זיי זאָלען געבען זאפארט בודק און מגיה זיין זייערע ס"ת ביי אַ סופר מומחה ויר"ש מאוד.

**באַמערקונג!** עס קען פאַסירען אַז מען האַלט זיך אָפּ פון געבען בודק זיין די ס"ת בלויז צוליב געלט מאַנגעל, דעריבער איז די פאַסיגע עצה צוזאַמען נעמען די עקסטפענסעס ביי די מתפללים וואָס ווילען גערען צו שטייער געבען פאַר אַזאַ חשובע מצוה, דערצו וואָס דער צוועק איז זיי זאָלען אויסגעהיט ווערען פון ברכות לבטלה.

## — ו —

## אן אויפרוף צום ציבור

יעדער פריוואַט מענטש וואָס איז עולה צו די תורה, און באַמערקט דאָס מינדעסטע ענדערונג, צ.ב.ש. אותיות וואָס זענען רויט אָדער נאָך ליכטיגער, אָדער איין אות רירט צו דעם צווייטען, אָדער אַ אות איז אין מיט'ן אָפּגעהאַקט, אָדער עס פעלט תגין, אָדער אַן אות וואָס איז נישט געשריבען געהעריג, צ.נ.ש. אַן וא"ו וואָס זעט אויס ווי אַ רייש, אָדער אַ ענדע כ"ף וואָס זעט אויס ווי אַ רייש, אַ ה"י וואָס זעט אויס ווי אַ קו"ף, א.ד.ג. איז ער מחויב ע"פ תורה מעורר צו זיין דעם רב און די אַנדערע אָנפירער פון די קהילה אַז מען זאָל זעהן צו פאַרעכטען דעם ס"ת.

– ז –

## פערציג טויזענט אידען האבען יארען לאנג געלייגט פסולע תפילין

אין ספר שו״ת רב פעלים ח״ד סי׳ ב׳ ווערט געברענגט דאָס אין די גאַנצע שטאָט „באגדאד״ וואָס האָט באַזיצט 40 טויזנט פערזאָן העכער בר מצוה, רעכטע שומרי תו״מ, וואָס צוליב אום וויסענקייט האָבען זיי יאָרען לאַנג געטראָגען תפילין וואָס זענען נישט געווען מרובע, (קוואַדראַט, די לענג און די ברייט איינינ) ביז עס איז אָנגקומען אַ איד און האָט דאָס אָנאַכט גענומען און תיכף מעורר געווען און אויפגערודערט די שטאָט, ביז די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען חאַדאָרם, עס זענען זאויפארט אָנגענומען געוואָרען ריכטיגע שריט צו פאַרעכטען דעם פעלער דורך הגה״צ ר׳ יוסף חיים בעל איש חי זצ״ל דער מרא דאתרא פון שטאָט. זעהן מיר פון דעם אַז בלויז די נאַכלעסיגקייט פון איין קליינעם פרט פון הלכות תפילין האָט צוגעברענגט אַזאַ גרויסען מכשול, וואָס האָט געפּאסעלט די גאַנצע תפילין.

און וויסען זאָלט איר אַז די דורות זענען גאָרנישט בעסער געוואָרען נאָר אדרבא פיהל ערגער, אַז די מכשולות גרייכען שוין איבערן קאָפּ.

דעריבער וועלען מיר ציטירען איינס באַ איינס די מכשולות וואָס זענען היינט צו טאָג אַקטועל ביי תפילין וואָס טייל דערפון קען דער פּריוואַטער מענטש אויך נאָכקאָנטראָלירען און טייל מוז געטאָן ווערען אויסשלידלעך דורך אַ סופר מומחה ויר״ש.

1. **פּראָבלעם:** די תפילין זענען טייל מאָל נישט פּינקטליך קוואַדראַט.

**עצה:** אויסצומעסטען מיט אַ מילימעטער מעסטער אויב די לענג און די ברייט איז איינינ, אָדער אפילו מיט סתם אַ פּאַפּירעל ווי עס ווערט צוגעברענגט אין מ״ב (סי׳ ל״ב).

2. **פּראָבלעם:** דער תיתורה וואָס דאָס באַדייט דער אינטערשטע חלק פון תפילין דאַרף אויך זיין קוואַדראַט

**עצה:** דאָס זעלבע ווי נומער 1.

3. **פּראָבלעם:** די תפירה (די פּאָדעם מיט וואָס די תפילין איז צוזאַם גענייט דאַרף אויך זיין קוואַדראַט, און זייער אָפּט איז דאָס נישט קוואַדראַט.

**עצה:** אַזוי ווי נומער איינס, דער ח״א זאָגט עדות אַז דאָס קען פּאַסירען אפילו ביי גיטע סופרים.

4. **פראָבלעם:** סיי דער קוואַדראַט פון נומער 2, סיי דער קוואַדראַט פון נומער 3, דאַרפען זיין סיי פון אויבען און סיי פון אונטען דאָס מיינט סיי דער תיתורה סיי די תפירות דאַרפען זיי קוואַדראַט אויבען און אינטען.

דער מ"ב שרייבט (סי' ל"ב ס"ק קע"ז) אַז ליידער בעווה"ר זייער אַסאַך מענטשען גיבען נישט אַכטונג אויף די תפילין אַז זיי זאָלען זיין געהעריג קוואַדראַט, און אפי' צווישען די מדקדקים במצות איז פאַרהאַנען אַזעלכע וואָס גיבען נישט אַכטונג נאָר אויף די אויבערע טייל פון די בתים עס זאָל זיין קוואַדראַט, אָבער זיי קוקען זיך נישט אום אויף די תיתורה, און אויף די תפירות וואָס דאָס איז אויך מעיקר הדין, און עס איז זייער גרינג צו פאַרעכטען.

5. **פראָבלעם:** אפילו די תפילין וואָס זענען געווען נייערהייט געהעריג קוואַדראַט אויב מען זעהט אַן ענדערונג צום ביישפיל די שפיצען זענען אָפּגעהאַקט אָדער די בתים זענען אויסגעבויגען אָדער די תיתורה איז אויסגעבויגען אָדער די תפירות זענען קאַליע געוואָרען דאַרף מען דאָס תיכף פאַרעכטען (מ"ב שם קפ"א).

6. **פראָבלעם:** טייל מאָל זענען די בתים אַליין נישט קוואַדראַט קלעבען די סופרים אַרויס אַ מין קאַלעך וואָס מאַכט קוואַדראַט די בתים (שו"ת נו"ב סי' א', חיי"א כלל י"ד אות ב').

**עצה:** דאָס בעסטע איז נישט צו קויפען נאָר ווייסע תפילין פאַרען פאַרבען און צו זיין מער געזיכערט זאָל מען דאָס נעמען צו אַ סופר ירא"ש וואָס פאַרשטייט צו בתים נישט ביי דעם ביי וועמען מען האָט דאָס געקויפט, טייל האָבען מורא צו קויפען ווייסע בתים פון א"י וויל ער וועט נישט האָבען ווי אַזוי צו פאַרבען, דעריבער זאָל מען וויסען אַז די סופרים פאַרבען תפילין.

7. **פראָבלעם:** עס איז אַ גאָר אָפטע ערשיינונג אַז די קריצען ביי תפילין של ראש זענען געפעלשט, דאָס הייסט אַז די עיקר הלכה איז אַז איין בית מוז זיין אָפּגעטיילט פון צווייטען מען זאָל דאָס גיט דערקענען, אַסאַך סופרים מאַכען אַ שווינדעל און זיי פאַרקלעבען די ריכטיגע קריצען און אויף דעם קלעב טוהען זיי אויספאָרעמען נייע שיינע קריצען, דאָס איז פסול (חיי"א ה' תפילין, בה"ל סי' ל"ב, מ). אַזוי איז פאַרהאַנען נאָך צענדליגע פראָבלעמען דעריבער איז די עצה צו קויפען די בתים פון אַ ירא"ש ומדקדק במצות, און דערנאָך געבען צו באַקוקען פאַר אַ סופר מומחה ויר"ש וואָס פאַרשטייט צו בתים

## – ח –

## נישט ערליכע סופרים

דער חת״ס שרייבט (ח״ו סי׳ פ״ג) פאַר אַ רב נאָך אין זיינע צייטען אַז די סופרים פון זיינע צייטען זענען נישט בקי און זענען מכשיל הרבים און עס איז פאַרהאַנען הונדערטער ערליכע אידען וואָס האָבען נאָך נישט געלייגט אין זייער לעבען קיין כשר׳ע תפילין און די רבנים מאַכען זיך נישט וויסענדיג אויף זיי, און אַזוי שרייבט אויך דער קסת הסופר אין נאָמען פונעם משנת חכמים.

דער חיי״א שרייבט אַז רוב סופרים אין זיינע צייטען זענען נישט קיין בני תורה אין אַ סאַך פלעצער האָט ער געזען אַז זיי האָבען נישט קיין יר״ש און אַלע זייערע מעשים איז בחזקת פסול און מען טאָר נישט קיין ברכה מאַכען אויף זייערע תפילין ומזוזות אפילו דער כתב איז מהודר ווייל זיי זענען נחשד אויף חק תוכות און שלא כסדרן.

נו! וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען היינטיגע צייטען?

## – ט –

## מענטשען גייען אין פאַפירענע תפילין

ליידער זענען פאַרהאַנען טויזנטער אידען וואָס גייען אַרום אַגאַנץ לעבען מיט בתים וואָס זענען געמאַכט פון פלעסטיק, אָדער האַרטע פאפען דעקעל, דאָס קען פאַסירען אפילו ווען מען קויפט דאָס פון אַן אייגענעם קאָזען לויט ווי מיר זענען אינפאָרמירט. די איינציגע עצה אויף דעם איז צו קויפען דירעקט פונעם בתים מאַכער און נאָר דאַן ווען מען קען איהם אַלץ ערליכער איד און מדקדק במצות, דערנאָך זאָל מען עס הערשט ווייזען פאַר אַ סופר.

## – י –

## תפילין סעט און מזוזה סעט

ברוך מזכיר נשכחות! איך בין געוועז אַמאָל אין אַ ספרים געשעפט האָב איך געהערט ווי איינער קומט אַריין און פאַרלאַנגט אַ בר מצוה סעט! האָט איהם דער פאַרקויפער געפרעגט וויפיהל ווילט איהר ספענדען און לויטען פרייז האָט ער איהם פאַרקויפט פאַר בערך 25 דאָלאַר, שומו שמים!!! די בתים זענען זיכער געמאַכט פון פלעסטיק מיט פרשיות פון פאַפיר אָדער אינגאַנצען אָן אַ פרשיות, דער טלית איז אַ שאַל וואָס אפילו זאָל זיין כשר׳ע מטריאל איז מען אויך נישט יוצא די מצוה (עי׳ מג״א סי׳ ח׳ וספרי גדולי יהודה על ה׳ ציצית)

כ״ש אַז די ציצית פונעם שאל זענען שטריקלעך, קומט אויס דער ס״ה פונעם גאַנצען פעקעל 3 ברכות לבטלה פון די ציצית און די תפילין, און נישט מקיים געווען אַ גאַנץ לעבען ציצית און תפילין, ווייל דאָס קען איך זאָגען אויף זיכער ווי אַלע פאַך לייט ווייסען גוט אַז תפילין מיט פרשיות וואָס מען צאָלט דערפאַר אפילו 35-40 $ און נאָך מער איז נישט מעגליך עס זאָל זיין כשר. ווייל דער בתים מאַכער און דער סופר קענען דאָס בשום אופן נישט פאַר אַזאַ פרייז ערצייגען. און ליידער גייען טאָג טעגליך הונדערטער אידען איינקויפען אַ בר מצוה סעט ביי די גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס. ווי מען קען באַקומען די תפילינס אין אַלע פאַרבען, עס זאָל „מעטשען״ צום „סוט״, די סיבה איז ווייל דאָס עם הארצות איז זייער גרויס און די רבנים זענען נישט געגוג מעורר.

**– יא –**

## תקנה קעגען וואַקסענדע מכשולות
## אויפרוף צו ראשי ישיבה און מנהלים

ליידער וואַקסען אַרויס יעדען טאָג אַנדערע מכשולות און גלייכצייטיג וואַקסט דאָס עם הארצות מיט׳ן פולען טעמפּאָ, דאָס אַלע ברענגט צו אַז די פסולע תפילין ומזוזות ווערען אַלץ מער און מער פאַרפלייצט, און דאָס כלל ישראל נויטיגט זיך אַ באַלדיגען הילף זיך אַרויסצודראַפען פון דעם שווערען געראַנגעל מיט די סופרים קלים וואָס פאַשפּרייטען פסולע תפילין ומזוזות, עס ליגט אַ פליכט אויף יעדען אייציגען בן תורה צו זוכען אַן אויסוועג ווי אַזוי מען רוימט אויס די פסולע תפילין ומזוזות, און מען היט אויס מען זאָל נישט נכשל ווערען ווייטער, איין עצה וואָס מיר טראַכטען פאַר אַ גלונגענע מען זאָל איינפירען אין די ישיבות מען זאָל לערנען מיט די תלמידים יעדעס יאָר מיט אַ שיכט פון בחורים אַלץ אַ זייטען שיעור הלכות סת״ם דאָס מיינט די גמרא מנחות טואו״ח שו״ע סי׳ ל״ב ביז סי׳ ל״ז גרינטליך.

די צורות האותיות זאָל געלערנט ווערען דורך אַ געניטען סופר ויר״ש אַזוי אַרום אַז ווען מען קויפט זיך תפילין אָדער מזוזות זאָל מען קענען מער ווייניגער אַליין באַמערקען אויב עס איז כשר אָדער פסול דאָס וואָלט געווען אַ געוואַלדיגע אויפטו אויף להבא.

וועגען פאַרגאַנגענהייט איז אַ שטיקעל עצה וואָס איז אַן הצלה פורתא מען זאָל זיך צוזאַמען נעמען אין יעדען ביהמ״ד אַפּאָר אידען לשם מצוה לזכות הרבים און צוזאַמען נעמען געלט און אויסצאָלען אַ סופר וואָס זאָל קומען אין ביהמ״ד אַריין אַוואָך אָדער מער לויט׳ן געברויך און יעדער מתפלל פון ביהמ״ד זאָל זיך ברענגען זיינע מזוזות און תפילינס בודק צו זיין, און דאָס איז אַ פליכט אויפן רב צו שאַפען די עסקנים.

## – יב –

## די תפילין האבען איהם געהאלפען מיט קינדער

עס האָט פּאַסירט לעצטענס ביי אַ וויליאַמסבורגער איד (רוצה בעילום שמו) וואָס האָט לאַנגע יאָרען ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער.

ויהי היום האָט ער זיך געגעבען בודק זיין די תפילין און שאקירט געוואָרען געוואָר ווערענדיג אַז דער וואָרט בניכם פון „למען ירבו ימיכם" האָט געפעלט טאָטאַל נישט לאַנג נאָך דערויף וואָס ער האָט זיך געקויפט נייע כשר׳ע פרשיות איז ער מיט השי״ת׳ס הילף געהאָלפען געוואָרען, שמעו עמי בינה זאת!

## – יג –

## די מורא׳דיגע טראגעדיע – דורכ׳ן נישט באקוקען די מזוזה!

די מעשה האָבען מיר ערהאַלטען דורך אַ דירעקטען טעלעפאָנישען באַריכט ומעשה שהי׳ כך הי׳, ביי אַ איד אין א״י אין בני ברק איז ל״ע פּאַר קיינעם געדאַכט שטערבליך קראַנק געוואָרען אַ יונג קינד פּלוצלינג, דער פאָטער׳ס אַ גוטער שכן וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהערט זייער פיהל פון רעבישע מופתים האָט תיכף אָנגעפרעגט איינעם פון די גרויסע חסידישע רביים אַן עצה, האָט דער רבי געלאָזט ענפערען מען זאָל זאפארט בודק זיין די מזוזות, דער שכן האָט דאָס איבער געגעבען פאַרען פאָטער און דער פאָטער זייענדיג אַ מתנגד האָט באַשלאָסען צו פרעגען זיינעם אַ ליטווישען ראש ישיבה אַ מפורסם׳דיגער גדול צו ער זאָל פאָלגען די עצה, דער ראש ישיבה האָט פאַרדאַמט די עצה באַמערקענדיג מיט געציילטע ווערטער דאָס איז חסידישע מעשיות (ליידער איז אַ שטיקעל ב״י אין ה׳ מזוזה היינט צו טאָג אויך חסידות) אַז דאָס קינד איז קראַנק דאַרף מען גיין צו אַ דאָקטער און נישט מעהר.

ביז אַ קורצע צייט איז דאָס קינד ל״ע נעדר געוואָרען דער חסידישער שכן בעת ער איז געגאַנגען מנחם אבל זיין האָט ער פון גרויס אמונת צדיקים זיך נישט געקענט צוריקהאַלטען און אַראָפּגענומען די מזוזה אָן ערלויבעניש, שטעלט אייך פאָר וואָס ער האָט דאָרט געפונען? דער וואָרט בניכם פונעם פסוק למען ירבו ימיכם האָט געפעלט!!!

## – יד –

## מדה כנגד מדה

ענדליך צו די פריערדידגע מעשה האָט פּאַסירט ביי אַ צווייטען איד אין א״י וואָס האָט געליטען זייער שווער אויפן האַרץ ל״ע האָט אים אַ רבי מייעץ געווען בודק צו זיין די תפילין ומזוזות טאָמער זענען זיי נישט אין אָרדענונג, וכך הוה! מען האָט געטראָפען אין איינעם פון די מזוזות אַז עס האָט געפעלט דער וואָרט ,,לבבך״. האָט מען באַלד געטוישט די מזוזות און די מחלה איז גענצליך פאַרשוואונדען געוואָרען. די דאָקטורים האָבען זיך נישט געקענט גענוג אָנוואונדערען פון דעם פלוצלינגדיגען אומגעריכטען ענדערונג.

די מעשיות זענען באַלערענדע מוסר רייד פאַר אַלע ליידענדע, זיך נישט צו זוימען און זאפארט בודק זיין די תפילין און מזוזות ווייל עס קען מעגליך זיין ביי איינעם וואָס ער האָט באַנקראָטירט אַז עפּעס האָט נישט געטויגט מיט׳ן וואָרט ,,מאדך״.

איינער וואָס האָט שלאָפלאָזע נעכט, קען זיין דאָס וואָרט ,,ובשכבך״ איז נישט כשר געשריבען.

איינער וואָס האָט ל״ע צער גידול בנים אָדער איז אַליין פרי אַוועק פון דעם עולם ל״ע, קען זיין אַז דער פסוק ,,למען ירבו ימיכם וימי בניכם״ איז נישט כשר.

איינער וואָס די פרנסה גייט איהם עפּעס נישט, קען זיין אַז עפּעס טויג נישט מיט׳ן ,,ואספת דגנך״ וגו׳.

איינער וואָס ליידט שטאַרק אויפן מאָגען, קען זיין אַז דער ,,ואכלת ושבעת״ טויג נישט.

איינער וואָס דאָס קינד וויל נישט צו לייגען דעם קאָפּ צום לערנען, קען זיין אַז דער ,,ולמדתם אותם את בניכם״ טויג נישט.

איינער וואָס האָט אַ פּחד באַנאַכט פון גנבים, קען זיין אַז דער ,,בשבתך בביתך״ טויג נישט.

איינער וואָס האָט געהאַט ל״ע אַן עקסידענט, אָדער ער האָט פשוט מורא אַרויס צו גיין אויף די גאַס, קען זיין אַז דער ,,ובלכתך בדרך״ טויג נישט.

איינער וואָס האָט הרהורי אמונה אין בטחון מיט השגחה פרטית, קען זיין אַז דער ,,פן יפתה לבבכם״ וגו׳ טויג נישט.

איינער וואָס האָט ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער, קען זיין אַז דער „קדש לי כל בכור", אָדער „וימי בניכם" טויג נישט.

איינער וואָס איז שטאַרק נישט אַפּעטיטלעך צום לערנען, קען זיין אַז דער „ודברת בם" טויג נישט.

איינער וואָס עס קומט איהם אויס אַסאַך אַרום צו וואַנדערען און אַוועק צו זיין פון דערהיים, קען זיין אַז דער „ואבדתם מהרה מעל הארץ" טויג נישט.

איינער וואָס ליידט אויף האַנט ווייטאָג קען זיין אַז דער „על ידך" אָדער „על ידכם" טויג נישט.

איינער וואָס ער ליידט אויף אויגען ווייטאָג, קען זיין אַז דער „בין עיניך" אָדער „בין עיניכם" טויג נישט.

די אַלע זאַכען זענען נישט קיין כללים ווייל די פאַרבאָרגענע סודות וואָס ליגט באַהאַלטען אין יעדען שטראָך פון יעדען אות איז ווייט ווייט העכער פון אונזערע השגות, דעריבער קען מען נישט אויסרעכענען וועלכע פסול האָט אַ שייכות צו וועלכע אָנשיקעניש, יעדענפאלס איז מען מחויב על כל צרה שלא תבא זאפארט בודק צו זיין די מזוזות און תפילין.

אויב מען גייט קויפען תפילין אָדער אַ מזוזה זאָל מען געוואָרענט זיי'ן צו קויפען אַ מזוזה נאָר ביי אַ ירא"ש, און עקסטער לאָזען באַקוקען ביי אַ צווייטען סופר ירא"ש און בודק זיין מינימום 2 מאָל אין 7 יאָר.

טייל קהילות האָבען געהאַט אַ תקנה אין דער אַלטער היים אַז יעדען חודש אלול מוז מען לאָזען בודק זיין די מזוזות און תפילין.

אין זכות פון די גרויסע מצוה וועלען מיר באַשירעמט ווערען פון אַלע צרות און זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה בב"א.

נ.ב.

**ווער עס האט אינטערעס צו זיין בכלל מזכה הרבים און העלפען אין די געוואלדיגע מצוה פון תפילין און מזוזות זאל זיך ווענדען טעלעפאניש אדער שריפטליך צו:**

RABBI S. GROSS
4711 — 12 Ane
Brooklyn, N. Y. 11219
Tel. 436-8086